בס"ד



# אכטונג !

# טעראר

## זייט 1



דאס איז די איינציגע טיטעל וואס מען קען זאגען אויף דער כת שאינם מודים בעירוב, מיט א פאר וואכען צוריק האבען אלע אוודאי געליינט די שארפע דיבורים וואס האט ארויס געוויזען דעם אמת'דיגען מיאוסען פרצוף פון די דאזיגע כת, געדרוקט געווארען אין גליון "תשובה גלויה", וואס איז געשריבען געווארען קעגען דעם "מכתב גלוי" פון די כת וואס האט באשמוצט מיט א געפערלעכע עזות און חוצפה איינער פון גאוני וצדיקי דורינו שליט"א,

עס ליגט אבער א חיוב אסאך קלארער צו מאכען פארען ציבור אנטקעגען וועלעכען אום גלויבלעכער טעראריסטישען גרופע מיר שטייען, מען רעדט אוודאי ווי עס איז באקאנט פון א משפחה וואס שטאמט פון גרויסע און הייליגע רבנים פון דור העבר, די בילד פון די משפחה ווי עס קוקט אויס היינט איז מער ווייניגער אזוי, גיין זיכען א פרנסה ווי מען רופט עס אן ארבעטען פאסט זיי נישט, זיך ממית צו זיין באהלה של תורה אזוי ווי עס וואלט געפאסט מאן דכר שמיה, נו, מוז מען דאך טרעפען וואס צו טוען מיט די ליידיגע צייט, האבען זיי געטראפען נישט מער און נישט ווייניגער גאר א גרינגער ג'אב מיט וואס אן צו פילען די צייט, אטאקירען כלל ישראל, גראבען און זוכען ווי מען קען טרעפען עוונות און פשעים ביי כלל ישראל, זיי האבען זיך ממנה געווען פאר גאט'ס פאליציי, און זיי שפילען דעם ראלע ווי זיי זענען באלעבאס פון כלל ישראל, הייבט זיך אן פון זייערע געוואלדיגען בקיאות און פונקטלעכע אויס־שרופט איבער קליידער פון נשים ביז להבדיל זייער גרעסטע פאר־באטענע עבירה דער עירוב, זיי האלטען אז די שליסעל פון אידישקייט אין אמריקה איז ביי זיי אין דער הענט, וכל מי שיהין להעלות ראשו וועלען זיי אום אויס רוידעפען עד חורמה,

מיט זייער ליידיגע צייט און ווי עס שמעקט זיי אן ווילען זיי אויף אונז שאפען ווי אזוי צו לעבען, זיך אן געפאנגען מיט ראסען בכח דעם עירוב אפילו אין שבת, דער נאך באפאלען אום שולדיגע אידען אויפען גאס (זקנים ונערים נשים ללא הבחנה), אויס געצאפט די בלוט פון צענדליגע רבנים זיי זאלען חתמענען לאיסור, אפ געקויפט מיט שוחד אלע

צייטונגען אז נאר זיי זאלען האבען זייער ווארט, אזוי אז דער ציבור זאל זיך אן עסען נאר מיט בלאף, אבער ווי עס זעט אויס איז זיי נישט גענוג געווען דער כיבוש אויף די אידישע צייטונגען, נאר אן קיין שום בושה האט זיך איינער פון זיי אינטערוויאד פארען "ניו יארק טיימס" פארדרייט א קאפ די גויישע וועלט אויך, מיט דברי בלע קעגען זיינע אייגענע ברודער, וואס קיין איינער פון די גויים האבען במילא נישט אן געהויבען צו פארשטיין פון וואס עס רעדט זיך, נאר אויף אזוי פיל איז עס כדאי געווען צו פארדינען נאך א ביסעל חילול שם שמים אז זיי זאלען זאגען אז אידען רייסען זיך צווישען זיך, און אז מיר פאלגען נישט חלילה אונזער גאט, און אויך פארדינט דער מיט, ־ אינטער צו רייצען דעם גוי אז ער זאל זיך נעמען רייסען און פליקען דעם עירוב, שפעטער, געמאסערט פארען שטאט מיט נידער־טרעכטיגע שקרים כמו אז די לחי'ס וואס מען האט אוועק געשטעלט פארען עירוב ברענגט אז מענטשען זאלען פאלען און זיין אין א סכנה אזוי אז די שטאט זאל הייסען עס אראפ צו נעמען,

נאך דעס אלעס האבען זיי לעצטענס מיט א שרעקלעכע חוצפה און בזיון מפיץ געווען גראבע שקרים אויף דעת קודשו פון כ"ק רבינו זי"ע הגה"ק מסאטמאר זצוק"ל, פארקערט פון אמת, ווייל ווי עס איז באקאנט רבינו זי"ע האט שטארק געהאלטען פון א עירוב וואס איז געגרינדען געווארען מיט א פיינע השגחה, ווי עס איז מקובל פון זיינע נאנטסטע מענטשען נאמני ביתו, ומי לנו גדול כתלמידו נאמנו זיין יסוד האיתן דער גאב"ד פון ירושלים עיה"ק, ־ הגה"ק ר' משה ארי'ה פריינד זי"ע, וואס איז געווען בראש פון חברת ועד העירוב פון די עדה החרדית אין ירושלים, ווי אויך ווען דער גאב"ד איז געווען לעצטע מאל אין בארא פארק האט ער געבעטען מען זאל מאכען פאר אום א עירוב פון זיין בעל אכסניא בוז צום שול, ווי נאך איז ידוע אז כ"ק רבינו זי"ע האט אויס געקליבען פאר דיין אין זיין קהילה דא אין שטאט דעם גאון האדיר ר' יחזקאל ראטה שליט"א און אום ספעציעל געברענגט פון ירושלים ווייל ער איז געווען א יחיד במינו אלץ פוסק פאר רבינו זי"ע, און אוודאי איז פשוט אז כת"ר וואלט זיך נישט אוועק גערוקט קיין זיז

בס"ד



# אכטונג !
# טעראר
## זייט 2



כלשהי מתורתו של רבינו, און ווי ער האט זיך אויס געדרוקט אז דער עירוב איז ממש א יחיד במינו אלץ כשרות אין הלכה איבער דער גאנצער וועלט, רבינו זי"ע וואס איז געווען דער גרעסטער לוחם מלחמת ה' וואס טאמער עס איז געווען א ענין וואס האט אום געבאדערט ווייל עס איז נישט געווען אויס געהאלטען האט נישט גערוט קיין איין איבערוגען מינוט, ער איז ארויס בחרב ובחנית ווי די אלע ענינים ווערען דערמאנט אין אלע זיינע ספרים, און אויף אונזער ענין פון א עירוב אין ברוקלין ווערט נישט אפילו דערמאנט איין מאל, עס איז נישט פאראנען אפילו איין קליינע רמז איבער דעם, איז עס דאך פשוט אז זיי האבען זיך געטראפען דורך עדים זוממין און דברי סרק צו נעמען דעם כבוד פון רשכבה"ג אלץ א קרדום לחפור בה קעגען דעם עירוב, און ווי זיי זען אז אלעס וואס זיי טוען איז נאר לרעתם נעמען זיי זיך צו די ביינער פון אונזערע רבנים אבירי התורה נאר פאר שטייט זיך פאר דעם געוואלדיגען חטא אז אונזערע רבנים זענען נישט מדור העבר, ווייל זיי אליין זענען יא און זיי פאר שטייען בעסער,

נישט מיט לאנגע וואכען צוריק איז פאר געקומען אין ענגלאנד א גרויסער משפט ווי איינער מיט'ן נאמען דיוד ארווין שר"י האט פראבירט אויף צו ווייזען אין קארט אז דאס גאנצע היסטאריע פון די צווייטע וועלט מלחמה וואס די נאצים ימ"ש האבען אוועק געלייגט איבער זעקס מיליאן אידען מיט מיתות משונות איז נישט מער ווי סתם א בלבול וואס די אידען האבען אויס געטראכט כדי די וועלט זאל רחמנות האבען אויף זיי, (עפרא לפימהו), נישט גענוג וואס די בלוט קאכט נאך עד היום הזה ווילען זיי נאך זיין א חוטא נשכר און באשולדיגען כלל ישראל פאר אונזער אויס געגאסענע בלוט,

להבדיל ביני לבין חמי, "טעראר" האט מיט דעם סיסטעם געארבעט אין אלע צייטען און אויף דעם זעלבען נוסח גייט עס היינט אן, האקען יענעם מיט א שטיין אין קאפ און אום נאך באשולדיגען פאר דעם, יעדער גייט דער כת הנ"ל אויף דעם גאנג, און שלעפען פון אונז אלע רעכטען, נישט גענוג זייערע רדיפות זייערע חוצפה און שמוץ אויף כלל ישראל ורבותיו, שרייען זיי נאך אז אונז זענען מרבה במחלוקת, אונז זענען מבזה גדולי ישראל, אונז ברענגען אלע צרות, נאך מער פון דעם זיי זענען שולט על כל הקופה כולה און באניצען זיך מיט אונזערע געלטער און שווערע טויזענטע דאלארען וואס זיי רייסען ארויס פון שטאט אלץ א מקור פון פרנסה מיט די איצטילא פון ארגאנעזאציעס פון חסד אדער קירוב לבבות, טרעטען זיי אויף אונז און מאכען א לעבען פון זייער בלאף, די גאונים פון דור העבר האבען נאך ליידער געליטען פון זיי אבער אונזער דור איז אומר לצרה די, זיי ווילען נישט האבען מער דעם מאנאפאל אויף אונזער לעבען, ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה (מיר ווילען זיך נישט "ביק'ען פאר זיי), מיר ווילען פאלגען דעם דעת תורה פון אונזערע גאונים וואס האבען געהאט שימוש ביי די גדולי ישראל פון דור העבר ווי אזוי צו זוכען זכותים און מצוות פאר כלל ישראל, די זעלבע גאונים וואס זענען גיט געווען אלע יארען פאר אונזערע טויזענטע שווערע שאלות ווי אין הלכות איסור והיתר אדער טהרה מדי יום ביומו, זענען ווייטער פונקט אזוי מוסמך פאר אונז פאר א עירוב,

מיט דעם איצטיגער מערכה האבען די ביליגע כת באקומען דעם רוכטיגען ענטפער און קלאפ ווי עס פאסט פאר אזוי פיל יארען פון רדיפת כבוד התורה, עס וועט מער נישט עקזעסטירען קיין מאנאפאל פון איין מחנה אויפען צווייטען, און די פאקט פון "איתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא" האבען חז"ל אונז קובע געווען נישט זיי, דער "מפני כבודו של משה" איז חל אויף יעדער דור, במילא כל מה שיורו לנו גאוני הדור שליט"א לא נסור מהם ימין ושמאל, ווייל מיר זענען נתחנך געווארען אויף אמונת צדיקים און מורי הוראה בישראל פאר יעדער דור נישט בלויז פארען דור פון נעכטען,

געליבט השי"ת וואס רצון יראיו יעשה קען מען זען אז די יגיעה און כח וואס די חשובע פוסקים און גאונים האבען משקיע געווען פעסט צו שטעלען די מצוה פון עירוב אין אונזער שטעטעל האט שטארק מצליח געווען, און די איינציגע הערצליכע ווערטער אונזערע וואס מיר קענען יעצט ענטפערען צו די מתנגדים איז, "ווי לאנג די רעדלעך פון די קערעטשעס ראלען און דרייען זיך, ווי לאנג אידישע קינדער טראגען זייערע געברויכען, קענט איר אנפלייצען אלע בתי מדרשים און געסער מיט אייערע שווארצע גילוי דעת'ן און פאשקעווילען ווי פיל אייער הארץ גליסט, ווייל עס מאכט במילא גאר נישט אויס, מיר ווילען טראגען און איר קלעבט צעטלעך, עס וועט קומען א צייט ווי מען וועט דארפען געבען א שטארקען קראץ אויף דעם שטערען כדי אז איינער זאל קענען זאגען פאר זיין פריינט "געדענקסט עס זענען אמאל געווען מתנגדים פארען עירוב" ??? ! ! !